**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/25/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול לכבוד ראש השנה**

״היינט ביינאכט וועלן פאמיליעס לענגאויס ניו יארק און ארום דער גארער וועלט זיך צונויפקומען צו פייערן די ערשטע נאכט ראש השנה. דורכ׳ן איינטונקען עפל אין האניג, הערן דאס שופר בלאזן און דורך זיך באשעפטיגן מיט תפילה און התבוננות, וועלן אידישע קהילות פארזעצן ווייטער די מסורות וואס זיי האבן מקבל געווען פון דורי דורות, אויף זיך צו מאכן א חשבון איבער׳ן דעם פארלאפענעם יאר און אויפנעמען דעם נייעם יאר. אלס גאווערנער פון דעם סטעיט מיט דער גרעסטער באפעלקערונג סיי וואו אינדרויסן פון מדינת ישראל, איז עס מיין הערצליכע וואונש פאר אלע וואס פרייען זיך אין דעם יום טוב אז דאס קומענדע יאר 5783 איז אן אחדות׳דיגן, א פרייליכן, און א זיסן יאר, מיט פילע השפעות טובות. תחל שנה וברכותיה! שנה טובה ומתוקה — זאלט איר האבן א זיסן און א פרייליכן, נייעם יאר!״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418